# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

ויקרא
תשפ"ה לפ"ק
גליון ז"ד

## שאלה

**דער רב האט היינט געזאגט אז משה רבינו איז געווען דער גרעסטער מאן וואס האט נאר אמאל געלעבט. ווער איז געווען די גרעסטע פרוי וואס האט אמאל געלעבט? און פארוואס?**

## ענטפער:

דאס איז א גרויסע פראגע. **איך מיין אז ס'איז געווען שרה.** און איך מיין אז איך קען עס אונטערשטיצן מיט'ן זאגן אז זי האט געהאט דעם גרעסטן מאן. יעצט, כאטש איך האב געזאגט אז איך גלייב אז משה רבינו איז געווען נאך גרעסער ווי אברהם, אבער צפורה, משה'ס ווייב, איז געווען אן אנדערע מעשה. טראצדעם וואס זי איז זיכער געווען א צדקניות, האב מיר אבער נישט קיין שום ראיות אז צפורה האט אנטיילגענומען אין משה'ס קאריערע. דער אמת איז אז זי האט נישט. משה רבינו האט זיך געדארפט אפטיילן פון איר פאר אסאך יארן ביז סוף ימיו כדי צו זיין מיט'ן אויבערשטן.

אבער שרה איז געווען אברהם'ס שותף. דאס ווייסן מיר. זיי האבן געלעבט צוזאמען און זיי זענען צוזאמען געשטיגן ביזן סוף. **"אברהם מגייר את האנשים ושרה מגירת את הנשים"** – זיי זענען געווען א פאָר. אברהם האט געלערנט וועגן השי"ת צו די מענער, בשעת שרה האט געטון די זעלבע פאר די פרויען.

איז עס זעט מיר אויס אז עס איז פשוט צו זאגן אז שרה איז געווען די גרעסטע פרוי וואס האט נאר אמאל געלעבט. יעצט, באמת וואלט איך געקענט זאגן אז אפשר חוה איז געווען גרעסער. אונזער ערשטע מאמע קען אפשר האבן געווען גרעסער ווי שרה. און דעריבער וועל איך לאזן די שאלה אפן פאר יעצט. (טעיפ #144)

## שאלה

**איז בעסער פאר א רשע אוועקצוגיין שנעלער פון דער וועלט כדי ער זאל נישט טון מער עבירות, אדער ענדערש זאל ער לעבן לענגער און האבן א שאנס תשובה צו טון?**

## ענטפער:

דער אויבערשטער **זעט אלעס פאראויס**. ער ווייסט וואס גייט געשען, און אסאך מאל ווען ער זעט אז עמיצער גייט אריין טיפער און טיפער אין עבירות, איז בעסער אים אפצושטעלן. אפילו אמאל ביי צדיקים שטייט "ימות זכאי ואל ימות חייב" – ענדערש זאל ער שטארבן ערליך ווי איידער ער זאל לעבן ווייטער און ווערן א רשע. אסאך מאל ווערן צדיקים ארויסגענומען פון דער וועלט כדי זיי זאלן נישט קענען פארדארבן ווערן.

די גמרא ברענגט א מעשה וועגן צוויי ערליכע מענטשן וועלכע זענען געשטארבן יונג און עס שטייט דארט אז זיי זענען געווען ווי פרוכט וואס מען נעמט אראפ פון בוים גלייך ווען זיי ווערן רייף; ווייל ווי לענגער זיי בלייבן אויפ'ן בוים, הייבן זיי אן צו פארפוילט ווערן. דער אויבערשטער האט געזען אז זיי וואלטן נישט געווען גוט שפעטער אין לעבן, האט ער זיי אוועקגענומען.

דאס איז דער ענטפער געוויסע מאל – עס זאל נישט פאסירן – אבער ווען א יונגער מענטש ווערט נפטר, און מיר

פארשטייען נישט פארוואס, עס קען זיין אז השי"ת האט פאראויסגעזען אז ער איז געווען אנגעגרייט צו אומשטענדן שפעטער אין לעבן וואס וואלט אים געמאכט דערוויטערט ווערן, דעריבער האט אים השי"ת אוועקגענומען פון דער וועלט בשעת ער איז נאך געווען ערליך. עס איז א חסד פאר דעם מענטש – אין עולם הבא איז דער מענטש דאנקבאר וואס דער אויבערשטער האט געטון צו אים.

בדרך אגב, איך מוז צוליגן, הגם עס איז נישט יעצט די נושא. געוויסע מאל ווערן מענטשן געבוירן נאר צו לעבן א קורצע צייט. נישט יעדער ווערט געבוירן צו לעבן לאנג. עס איז א חלק פונעם אויבערשטנ'ס פלאן. געוויסע מאל ווערט א קינד געבוירן צו לעבן בלויז איין טאג, און דאס איז דעם אויבערשטנ'ס פלאן. וואס איז זיין ציל? מיר קענען שפעקולירן געוויסע פון זיינע כוונות; אפשר איז עס אויסצופראבירן די אמונה פון די עלטערן. סיי–וואס עס איז, וועט עס אנטדעקט ווערן אויף יענער וועלט. **דאס לעבן אויף יענער וועלט וועט אויפדעקן אלע טינקלקייטן.** (טעיפ #796)

## שאלה

**איר האט דערמאנט היינט איינס פון די סיבות פארוואס השי"ת האט געברענגט דעם האלאקאסט. צי זאגט איר אז אלע געשעענישן פון די האלאקאסט קענען מיר פולקאם פארשטיין?**

## ענטפער:

אודאי נישט. איך וואלט קיינמאל נישט געזאגט אז איך פארשטיי אלעס. פון דעסט וועגן, וואס איך האב געזאגט איז אז ס'איז זיכער אז דער האלאקאסט איז **אויך** געווען א רעאקציע צו די וועלכע האבן מורד געווען קעגן השי"ת אזוי העפטיג און פארביסן; און עס וואלט ווען געפירט צו די ערגסטע סארט רעזולטאטן אויב זיי וואלטן ערלויבט געווארן וייטער צו עקזיסטירן. יא, דאס איז איינס פון די סיבות.

די "בונד" אין פוילן איז געווען א שרעקליכע פארטיי. די בונד האט פיינט געהאט יעדע פרומע זאך. אבער נישט נאר די בונד. די בונד איז געווען די ערגסטע פון זיי אבער די אלגעמיינע ציוניסטן האבן אויך פיינט געהאט פרומע אידן. זיי האבן געמאכט גימאניזיומס וואו בחורים און מיידלעך זענען זיך צאמגעקומען און זיי האבן חוזק געמאכט פונעם תנ"ך. אלעס איז געלערנט געווארן בלויז אלס חולין – עס האט בכלל נישט געהאט צו טון מיט קדושה.

וואס וואלט מען געקענט ערווארטן אין די נאכפאלגענדע יארן? זיי זענען געווארן ערגער און ערגער, ווילאנג השי"ת האט ענדגילטיג געזאגט "ס'איז גענוג! איך וועל ברענגען אן ענדע דערצו!"

און דערפאר, אין אמעריקע האט זיך אידישקייט אנגעהויבן פון פריש; איר כאפט נישט אז אין אמעריקע, ברוך השם, איז פארגעקומען א רעוואלוציע.

לאמיר אייך עפעס זאגן. אין אייראפע, תיכף בעפאר היטלער איז געקומען, איז שווער געווען צו טרעפן א משפחה מיט אסאך קינדער. איך זאג אייך דעם אמת. עס איז געווען שווער צו טרעפן א פאמיליע מיט אסאך קינדער. ברוך השם, וואס מיר האבן היינט! אין אייראפע איז געווען אסאך משפחות וואו פרומע פרויען האבן זיך נישט באדעקט זייער האר בכלל. איר זאגט, דאס איז נישט אזוי געפערליך. ס'איז נישט געפערליך? מסכים, איר וועט זאגן אז ס'איז נישט אזוי געפערליך. אבער היינט אין אמעריקע באדעקן אלע פרומע פרויען זייער האר. אלע פרומע פרויען באדעקן זייער האר. אין אייראפע, איז חלב ישראל נישט אפגעהיטן געווארן דורך יעדן. ניין, ביי זייער אסאך נישט. איך וייס. אבער איך רעדט וועגן פיל ערגערע זאכן; איך רעד וועגן שמירת שבת. דער עם ישראל האט אויפגעהערט האלטן שבת אין אייראפע – עס איז געווען א ריזיגע רעוואלט קעגן הקב"ה אין אייראפע.

יעצט, אין אמעריקע איז אויך דא אסאך וועלכע האלטן נישט שבת, אבער עכ"פ מיר האבן פרומע שולעס אין אמעריקע. זיי האבן עס נישט געהאט אין אייראפע. עס זענען געווען זייער ווייניג פלעצער ווי מיר האבן היינט אין אמעריקע. אין אמעריקע איז דא פרומע מוסדות איבעראל; און ס'איז אויך דא היינט פרומע ליטעראטור. ברוך השם!

איז איך קען נישט זאגן אז איך פארשטיי אלעס. חס ושלום, איך זאל זאגן אזא זאך; אבער איך פארשטיי זיכער אז דאס איז איינס פון די זאכן וואס איז געשען. (טעיפ #E-123)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו info@torasavigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com


בס"ד
שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
וועכענטליך אויף אימעיל
עונג שבת
אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר אידיש
עונג שבת
לה"ק-אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
לה"ק אידיש
$4.00
מרגניתין
לקט מובחר מגליונות בלשון הקודש על
פ' שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר לשון הקודש
$1
א וואך
מועדים $3
זמירות שבת
בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק
זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**